# דף היומי קאָלום

## דער מחזור און די כוונות פונעם רמח״ל

### ווי אַזוי דאַרף מען דאַווענען?

• פון הרב פנחס ווילִיגער\מאָנטרעאַל

מסכת בבא בתרא דף קט״ז עמוד א׳, דרש ר׳ פנחס בר חמא, כל שיש לו חולה בתך ביתו ילך אצל חכם ויבקש עליו רחמים. זאָגט דאָרט דער „מאירי" אַ גאָר אינטערעסאַנטן פּשט אין דעם מאמר חז״ל, ווי פאָלגנד: לעולם יהא לבו של אדם בטוח בתפילה, שהתפילה כשהיא נעשית כתקנה מבטלת את הגזירה, ומי שיש לו צער או חולה בתוך ביתו או אחד ממיני הצרות ילך אצל חכם וילמוד הימנו דרכי התפילות ויבקש רחמים, שנאמר חמת המלך וכו׳ ואיש חכם יכפרנה.

דער „מאירי" לערנט פּשט, אַז דער חכם לערנט־אויס דעם מענטש ווי אַזוי ער דאַרף דאַווענען צום רבונו־של־עולם. רבותי, לויט די ווערטער פונעם „מאירי" קען מען אפשר מוסיף זיין, אַז „ילך אצל ׳חכם׳ וילמוד הימנו דרכי התפילות", מיינט, אַז דער רבי וועט אים אויסלערנען חכמת הנסתר והחסידות, וואָס דאָרט געפינט מען טאַקע די גוואַלדיקע כוונות און „יחודים" ווי אַזוי מען דאַרף מתפלל זיין. יעדע ברכה האָט זיך אירע סודות און שמות פון דעם באַשעפער, וואָס מ׳דאַרף מכוון זיין ביים אַרויסזאָגן די ברכה, כדי עס זאָל אויפטאָן למעלה בשרשה, וכדומה.

מיט אומגעפער פינף יאָר צוריק האָט מען געפונען דעם מחזור, וואָס דער הייליקער רמח״ל (רבי משה חיים לוצאַטו זצ״ל, דער מחבר פון „מסילת ישרים"), האָט געדאַווענט דערין אין די ימים נוראים. דער מחזור איז אין נוסח אשכנז (דפוס ויניציאה, געדרוקט אין יאָר תע״א – 1710). אין אַ זייט האט דער רמח״ל אָנגעשריבן זיינע טיפע כוונות על־פי קבלה. וויבאַלד ער האָט געדינט אַלס בעל תפילה, האט דער רמח״ל אַריינגעשריבן אין מחזור בלויז די כוונות אויף די תפילות וואו ער איז געווען דער שליח־ציבור.

ראש השנה האָט ער געדאַווענט יעדע טעג, יום־כיפור האָט ער געדאַווענט „כל נדרי", און ווי מ׳זעט צוגעשריבן בכתב־יד־קדשו די „טעמי הנגינה" אויף „כל נדרי", און אויך ביי דער זייט די כוונות בדרך סוד, מוסף און נעילה, און קידוש לבנה (בייגעלייגט קענט איר זען אַ פאָטאָקאָפּיע דערפון).








די מוצש״ק איז פארגעקומען א זייער שיינעם חסידישע פארברענגען לכבוד יט כסלו. איו מונטריאל ארגענעזירט דורך היכל מנחם בהנהלת הרה״ח ר ברוך אהרון הוס שליט״א און הרה״ח ר יודל ווינטערפעלד שליט״א, מען האט געהערט ווארימע דברי חסידות פון הרה״ג החסיד ר שלום לייב אייזנבאך שליט״א משפיע בליובאוויטש במונטריאל

---

### אַן איגרת׳ל פון ווילנע

# קאַפּיטעלעך אידיש

• פון הירשע=דוד כ״ץ (ווילנע)

## פון וואַנעט שטאַמט "משומד"?

דער באַגריף „משומד" (פאַר קיינעם ניט געדאַכט), איז באַקאַנט שוין אין דער גמרא און אין די עלטסטע מדרשים, וואו ס׳איז חל די שפּאָגל=קלאָרע לאָגיש=יורידישע קאַטעגאָריזירונג פון אונדזערע חכמים. אין דער מכילתא (פּרשת בא) אַשטייגער, אויף דעם וואָס ס׳שטייט געשריבן „כל בן נכר לא יאכל בו" (וועגן קרבן פסח, שמות י״ב: מ״ג), וואָס אַפּדערוף מאַכט יהואש: „קיין פרעמד=געבאָרענער טאָר פון אים ניט עסן", זאָגט דער מדרש מכילתא: „אחד: ישראל משומד, ואחד: גוי".

אין סנהדרין ירושלמי רעדט זיך וועגן דער קאַטעגאָריע פון „קדשי משומד", וואָס מ׳טאָר פאַר קיין קרבן ניט ברענגען, און מ׳טאָר זיי אויך ניט נוצן פאַר=זיך (י׳, דף כ״ט, ד׳). אין סנהדרין בבלי ווערט דערמאָנט ר׳ אשי׳ס סברא אַז אין סיפא פון אַ געוויסער משנה רעדט זיך וועגן אַ „ישראל משומד" (דף ס״א ע״ב). אין הוריות ירושלמי גייט די רייד וועגן דעם אַז מ׳דאַרף געבן אַ משומד וואָס האָט חוזר בתשובה געווען צדקה נאָך פאַרן גר (ג׳, מ״ח, ב׳).

זאָל מען אַריבערהיפּן ביז צו די עשירותן פון אונדזער אידיש, ווייס מען (אָפּגעהיט זאָל מען ווערן), ניט נאָר וועגן אַ משומד, נאָר אויך משומדים; אַ משומדת אָדער משומדתטע; משומדות און פאַרשטייט זיך שמד, וואָס מ׳טרעפט אין „שמד=שטיק" און ביי אַן „אָפּגעשמדטן".

איז במילא שוין פון לאַנג געדרונגען, אַז דער שורש פון וואָרט משומד איז שין=מם=דלד, פון לשון „להשמיד": פאַרניכטן, פאַרטיליקן, צעשטערן, צעשמעטערן, חרוב מאַכן, אַ תל מאַכן, וכו׳. אויף אידיש פעלט דאָך ברוך=השם ניט אויס קיין ווערטער...

וואָס אַן אמת, איז דער שורש שין=מם=דלד גאָר אַן אַלטער. גענוג צו דערמאָנען, אַז מ׳טרעפט אים אין דער תוכחה: „והשמדתי את במותיכם" (ויקרא כ״ו: ל).

זיינען אָבער פאָרט די „דברי הימים" פון אַ וואָרט געוויינלעך מער קאָמפּליצירט און מלא סתרי=מילות איידער אָדאָס, וואָס ס׳קען זיך אויפן ערשטן בליק דאַכטן.

איז אַ שטיקל קשיא: די ליניע פון „שמד" ביזקל „משומד" איז אָבער פאָרט ניט קיין איינפאַך=פּשוטע. ס׳איז אפשר אַפילו לאָגיש, אַז ווער ס׳פאַרראַט זיין פאָלק און דעם רבונא דעלמא איז אַ גייסטיק פאַרניכטעטער, אַ צעשמעטערטער. פאַרן פילאָלאָג שמעקט דאָס אָבער אַ קאַפּ מיט: פּשטלען זיך. איז טאַקע אַ שיינע מידה, אין הלכות לשון קען אָבער ניט שאַטן אויסצוהערן אַ צד השני.

אנהייבן דאַרף מען פון אלף (ווי דען?), און דער עולם ווייס דאָך וואָס ער רעדט אַז מ׳זאָגט: כל התחלות קשות.

פון זינט די צייטן פון דער גמרא און די אַלטע מדרשים, ועד היום הזה, אַ קיימא=לן באַלד שיער ניט פון צוויי טויזנט יאָר, האָט דער וואָרט „משומד" אַ העכסט=ספּעציפֿישן באַדייט אין דער בחינה פון „ברחל בתך הקטנה" ממש (שיער ניט געזאָגט...). במה דברים אמורים? דאַמאָלסט, אַז ס׳גייט די רייד וועגן דעם נאַטירלעכן, פאַקטישן באַנוץ אין מויל פון פאָלק. אין דער פילאָלאָגיע איז אָט די אמתדיקייט, דער באַנוץ בפי העם, דוחה אַלע ווערטערביכער און פּשטלעך פון די בעלי לשון למיניהם.

אַ משומד אויף אידיש הייסט אַ איד וואָס האָט זיך געלאָזט אָפּטויפן אין דער קריסטלעכער צערעמאָניע פון באַפּטיזם, און איז דערביי געוואָרן אַ קריסט. ווענדט מען למשל אָנעט, לאָמיר אָנכאַפּן, דעם וואָרט „משומד" אויף אַ איד וואָס איז אַוועק צום בודיזם פון אינדיע, אָדער אויף די גלויבנס פון אַן אַפריקאַנער שבט, קען מען אַזאַ איינעם אפשר נאָך אָנרופן „משומד" מיט אַ שמייכל, מיט אַ צחוק קל, נאָר ניט אינעם עצם זין פון וואָרט.

מ׳קען אַפילו אַרויסרוקן אַן השערה, אַז די עצם צונויפפאָרונג פונעם וואָרט „משומד" דווקא מיטן קריסטנטום, אינעם מויל פון אידישן פאָלק, איז בערך אַזוי אַלט ווי דער קריסטנטום גופא. און במילא אַזוי אַלט ווי דער וואָרט „משומד".

טאָ מה ענין הנוצרים אצל „משומד"? דעם תירוץ אויף דער קשיא טרעפט מען לויטן שכל פון „פרעג ניט דעם רופא, פרעג דעם חולה", דהיינו: וואָס טרעפט מען „ביי זיי גופא", ביי די קריסטן?

עס איז ניט קיין סוד, אַז די ערשטע קריסטן זיינען אָן אויסנאַם געווען אידן, אָנהייבנדיק פון סאַמעראָדנעם יוחנן דעם באַפּטיסט מיט יעזוסן אַליין, פאַרשטייט זיך. ווייטער איז ניט קיין סוד אַז זייער לשון איז געווען אַראַמיש, אַזוי ווי ביי אַלע אַנדערע דאַמאָלסדיקע אידן. דאָס איז דער אידישער אַראַמיש וואָס איז געוואָרן פון די הייליקע אידישע שפּראַכן אין גאַנג פון דער אידישער געשיכטע. אין משך פון דורות האָט זיך דער אַראַמיש פון די נייע קריסטן גענומען דאָ און דאָרט אונטערשיידן זיך, ווי ס׳איז דער שטייגער, פונעם אידישן אַראַמיש פון וועלכן ער האָט אָפּגעשטאַמט.

די געלערנטע זיינען שטאַרק מחולק איינער מיטן אַנדערן („אַ נייס אין שטעטל"...) וועגן דער פראַגע, צי די עלטסטע ביכער פונעם „נייעם טעסטאַמענט" (די פיר עוואַנגעליעס אָדער „גאָספּעלס") זיינען לכתחילה געווען געשריבן אויף אַראַמיש צי אויף גריכיש. זיי וועלן זיך דערוועגן לאַנגע יאָרן נאָך אַמפּערן, איז געזונטערהייט. (מן=הסתם אגב –– – אויף אַראַמיש).

צום ענין איז אָטוואָס: אינעם פאַראַנענעם אַראַמישן נוסח פונעם נייעם טעסטאַמענט (לשם דיוק רופט מען אָנעט דעם קריסטלעכן דיאַלעקט פון דער שפּראַך ניט אַראַמיש נאָר: סיריאַקיש, אויף ענגליש: „סיריאַק") ווערט יוחנן דער באַפּטיסט אָנגערופן: „יוחנן מעמדנא". דער פירוש המילות: „יוחנן דער באַפּטיסט".

„מעמדנא" איז פאַרשטייט זיך פון לשון „עמד". דאָס איז דער העברעאיש=אַראַמישער שורש אויף: „שטיין" און דערפון וואַקסן די פאַרשיידענע קרובהשע פּאָרמעס, בתוכם: שטעלן עמעצן אַוועקט אינעם וואַסער פונעם באַפּטיזם, וואָס דאָס איז דאָך געווען די „זאַך" פונעם דאָזיקן יוחנן...

און ווי האָט געהייסן עמעצער וואָס איז געשטעלט ג ע װ אָ ר ן פון יענעם צום באַפּטיזם, דאָס הייסט דער באַפּטיזירטער? „משועמד", אויפן משקל פון: „משועבד". וועלכער חדר=אינגל ווייס ניט פון נכסים משועבדים אין דער משנה?

טאָ ווי קומט דער משועמד (לא עלינו) איבערן וואַסער? (חלילה ניט קיין וואָרט=שפּיל...)

ס׳האָט ניט לאַנג געדויערט און די נייע וואַקסנדיקע קריסטלעכע רעליגיע האָט גענומען רודפן אידן, זיך אויפפירן אומטאָלעראַנט לגבי דעם פאָלק פון וועמענס ירושה זייער אייגענער גלויבן איז דאָך אויסגעוואַקסן. אין די סאַמע עלטסטע ביכער פונעם „נייעם טעסטאַמענט" זיינען שוין דאָ שוידערלעכע העצעס קעגן אידן. אויפן ערשטן אָרט שטייט דאָ די טרויעריק=באַרימטע סצענע, וואו דער רוימישער גובערנאַטאָר וויל קרייצן דעם קרימינאַל בר=אבאס, נאָר דער צעווילדעוועטער המון אידן שרייט אויסעט, אַז מ׳זאָל בעסער יעזוסן קרייצן. דער המון שרייט נאָך אַרויס: „זאָל זיין בלוט זיין אויף אונדז און אונדזערע קינדער", אַ זאַץ וואָס ווערט אויסגענוצט מצד שונאי ישראל ביזן היינטיקן טאָג.

איז קאָם אַ חידוש וואָס „משומד" איז גלייך געוואָרן אַ נוסח לגנאי פון „משועמד", מ׳האָט מיט אַ כיוון גענומען מצרף זיין אַ פאַררעטער פון אידישן פאָלק מיטן שורש „שמד" אַנשטאָט מיטן שורש „עמד".

צוויי לעצטע השערות היינט דערוועגן, וואָס אויף זיי פאַלט אַ „צריך עיון".

ערשטנס, איז אַ סברא אַז דער אַמאָליקער „ע" ווי אַ קאָנסאָנאַנט (ווי מ׳הערט עס אומגעפער היינט אויף אַראַביש און אויף העברעאיש ביי אידן אָפּשטאַמיקע פון די אַראַבישע לענדער) איז שוין דאַמאָלסט נאָך ערטערווייז אַרויסגעפאַלן (ד.ה. „געוואָרן שטום") אין פּשוטן פאָלקס=מויל (וואָס מיר געדענקען נאָך פון אויבן, אַז דאָס איז דאָך דער עיקר אַז ס׳גייט אין הלכות לשון), איז פונעם „משועמד" געוואָרן אַ „משומד" און ס׳האָט ניט געשטערט צום שידוך וואָס ס׳האָט „צוגעוואונען" אַ שייכות מיט לשון שמד.

והשנית, איז אַ סברא אַז אין פאַרשיידענע צייטן ווען מען האָט געמוזט אַרויסנעמען פון דער גמרא שטעלן (די „השמטות"), וואָס קענען גורם זיין גזירות מצד קריסטלעכע מלוכות, האָט מען אויך שטילערהייט אויסגעמעקט דעם „עין" וואָס וואָלט דאָ געקענט גורם זיין ריכטיקע צרות, אַלמאַי פאַר דער אומטאָלעראַנטער מאַכט וואָלט זיך באַקומען אַז מ׳רעדט שלעכטס אויף אַ „הייליקן=ביי=זיי", אַ באַפּטיזירטן... איז אפשר פונדערפון אויסגעוואַקסן שיער ניט ווי אַ מין לשון סגי=נהור דער אויסלייג „משומד", עס זאָל ניט האָבן כלפי=חוץ קיין דירעקטע התקשרות מיטן קריסטנטום. אויבע אַזוי איז כלפי=פנים פונקט פאַרקערט: ניט פאַרמילדערט נאָר אין טאַטן אַריינגעזאָגט געוואָרן: „איר זייט חרוב=געוואָרענע, זיך אַליין פאַרניכטעט!"

אין מויל פון אידישן פאָלק, פונעם דאַמאָלסדיקן אַראַמיש און אַזש ביזן היינטיקן אידיש, איז אָבער די אומפאַרמיידלעכע אַסאָציאַציע מיטן קריסטנטום פאַרבליבן אַ טייל פונעם וואָרט „משומד" וואָס שטאַמט אָפּעט פון: „משועמד".

ואחרון אחרון חביב: אָטאָ דאָס אָ ווידמע איך באהבה מיין אַמאָליקן לערער, דעם טייערן פילאָלאָג, פּראָפעסאָר רפאל לאָאי (לעווע), לאָנדאָנער אוניווערסיטעט, צו זיין ווערן אַ בן תשעים. ביי אים אין קלאַס פון סיריאַקיש האָט ער ניט זעלטן אַזעלכע פילאָלאָגישע סודות מגלה געווען.

### בעסער אידיש אָן נקודות איידער "לאַטייניזירט" מיט זיבן חנען!

ענדיקן מיט שמד, השמטות און משומדים איז פאָרט ניט אידישלעך. וואָס איז דען אידישלעך? מסיים

# משועמד

↓

# משומד

פּראָסט און פּשוט, ס׳איז אַרויסגעפאַלן דער "ע". פון "משועמד" (וואָס איז טייטש: באַפּטיזירט) איז געוואָרן: משומד...



דער נאָמען "יוחנן מעמדנא" ("דזשאָן דער באַפּטיזט") אין דער סיריאַקישער שפּראַך. סיריאַקיש איז געווען דער קריסטלעכער דיאַלעקט פון אַראַמיש. אויף נקודות האָט מען באַנוצט מיניאַטור=צורות פון גריכישע אותיות (למשל אַלפאַ אויף פתח, אָמעגאַ אויף קמץ וכו׳).

זיין מיט אַ היינטיקן סיכסוך ביי סטודענטן און לערער פון אידיש וועגן אַ פראַגע פון שרייבן אידיש. מיר האָבן באַקומען אַ קליינע פאַרפּלייצונג פון בריוולעך מיט טענות וועגן דעם קעסטעלע וואו מיר פאַרבעטן די לייענער אַריינשיקן זייערע שאלות, קשיות און מאַטעריאַלן פאַרן נייעם קאָלום אין „אַלגעמיינעם זשורנאַל" –– די „קאַפּיטעלעך אידיש". מיר האָבן דאָרטן געשריבן און שרייבן היינט ווייטער, אַז אַלע זיינען פאַרבעטן צושיקן בריוולעך „נאָר און בלויז מיט אידישע אותיות (ניט ׳אידיש מיט לאַטיינישע אותיות׳)".

אַמשאַרפסטן האָט גראַדע געשריבן איין אַמעריקאַנער לערער פון אידיש, בזה הלשון: „עס דויערט אַ סך צייט צו שטעלן די אַלע דיאַקריטישע צייכנס, וואָס אָן זיי איז דאָס ניט קיין קולטור=שפּראַך. דערפאַר איז אַ סך בעסער צו נוצן די ייוואָ=טראַנסקריפּציע מיט ענגלישע אותיות".

זיינען מיר במחילה מחולק. טויזנט מאָל בעסער אידיש אָן נקודות איידער גלחות מיט אַלע פּיטשעווקעס. („גלחות" איז דער אַלטער אידישער טערמין אויף לאַטיינישע אָדער לאַטייניש באַזירטע אותיות, ס׳שטאַמט אַפּנים פונדערפון וואָס בדרך=כלל האָבן נאָר גלחים אינעם קריסטלעכן אַרום בכלל געקענט לייענען און שרייבן...).

דער סימן מובהק פון אַ ל ע אידישע שפּראַכן, זאָל זיין אַראַמיש, זאָל זיין לאַדינאָ (דזשודעזמאָ), זאָל זיין דער אַמאָליקער אידישער אַראַביש, זיינען דאָס אונדזערע טייערע, הייליקע אותיעלעך.

וואָס אַן אמת, קען אַפילו אַ האַלבער יודע=קאָמפּיוטער ביי היינטיקן טאָג געוואָר ווערן, ווי אַזוי שטעלן קמץ, פּתח און פאַ=מיט=אַ=דגש אינעם טעקסט. נאָר טאָמער ניט, זיינען די אידישע אותיות, כמות שהן, לחלוטין דוחה דעם גאַנצן עקסטאַז מיט די נקודות...

דער נייער אַזוי גערופענער „אי=מייל אידיש" מיט גויאישקע אותיות איז אפשר געווען אַן איינפאַל דאַמאָלסט אַז ס׳איז געווען שווער נוצן אידישע אותיות. מיט די נסים ונפלאות פון אונדזער היינטיקער וועלט איז עס גאָרנישניט שווער. אַנדערש געזאָגט געוואָרן:

רבותי, אידיש מיט אותיות, ניט מיט בוכשטאַבן...

www.dovidkatz.net
www.holocaustinthebaltics.com

----- Forwarded Message ----
From: [redacted]
To: [redacted]
Sent: Thurs, December 3, 2009 9:21:20 AM
Subject: DIAKRITIKLEKH

Tayerer Kolege

Ir veyst az es iz farvert tsu shraybn yidish on di diakritishe tseykhns (diakritiklekh) fun der klal-shprakh un kultursprakh. Mir yidish-lerers makhn dos ale mol klor far di yidish-studentn. Oyb ir vet nemen in batrakht bloyz azelkhe brivn vos vem produtsirt mitn yidish-alfabet vet ir bemeyle ekskludirn di yenike vos veysn nokh nit vi azoy me instolirt di diakritiklekh in dem klaviatur gebay funem kompiutershn program.

Mayn firleyg iz az ir zolt onnemen brivn mit der standarter transkriptsiye.

Mit yidish-grus

[redacted]

**אַ טיפּישער היינטצייטיקער אי=מייל בריוו אויף "אידיש מיט לאַטיינישער טראַנסקריפּציע"... דער בעל=הקאַפּיטעלעך בעט פאָרט אַז מ׳זאָל צושיקן בריוו פאַר די "קאַפּיטעלעך אידיש" נאָר און בלויז אויף "אידיש באידיש" –– געמיינט אויך די אותיות...**

**די לייענער פונעם „אַלגעמיינעם זשורנאַל" ווערן פאַרבעטן אַריינשיקן מיט עלעקטראָנישער פּאָסט („אי=מייל") זייערע שאלות און ענינים מכח אידיש. מען בעט אַז די בריוולעך זאָלן זיין קורץ און צו דער זאַך, מ׳זאָל אומבאַדינגט שרייבן עטלעכע ווערטער וועגן זיך, און דער עיקר: נאָר און בלויז מיט אידישע אותיות (ניט „אידיש מיט לאַטיינישע אותיות"). דער אַדרעס: dovidkatz@vilniusuniversity.net**

**צום באַדויערן איז ניט מעגלעך יעדן ענטפערן פּערזענלעך און פאַרדערפאַר בעט מען אין פאָראויס מחילה.**

---

פאָרזעצונג פון זייט פינף

אונטערשיד פון מיינע חלומות ביז דיינע. איך בין נישט בלויז אָפּגעקומען מיט חלומות, נאָר איך האָב געזען אַז מיינע חלומות זאָלן פאַרווירקלעכט ווערן. דעם חלום אַז דער לייטער שטייט אויף דער ערד און דער שפּיץ דערגרייכט אין הימל, דער באַשייד פון דעם חלום איז, מען דאַרף טאָן און אַרבעטן, גייין פון שטאַפּל צו שטאַפּל, ביז מען דערגרייכט ביזן הימל. און אַזוי האָבן אָנגעהויבן אונדזערע ערשטע חלוצים, די פּיאָנערן, צו בויען אונדזער היים און לאַנד ישראל.

דאָס זעלבע האָט אויך פּאַסירט מיט יוסף׳ן, „ויוסף הורד מצרימה", יוסף האָט אַראָפּגענידערט אין מצרים. זאָגט דער מדרש תנחומא: אל תקרי הורד (הורד) אלא הוריד את אביו והשבטים למצרים", זאָלסט נישט לייענען „הורד", וואָס מיינט, ער, יוסף, איז געבראַכט געוואָרן קיין מצרים, נאר „הוריד", ער האָט געמאַכט נידערן זיין פּאָטער און די שבטים קיין מצרים, ווייל דער הויפּט־ציל פון דעם גאַנצן שפּיל איז דאָך נישט געווען אַז יוסף זאָל קומען קיין מצרים, נאָר אַז דער גאַנצער בית יעקב זאָל דאָרט אַריינגעצויגן ווערן.

אַ פּאָטער האָט געהאַט צוויי זיהן: איינער איז געווען אַ קלוגער, דער אַנדערער – אַ נאַר. אַז דער נאַר איז שוין געוואָרן אַ גרויסער בחור און עס איז צייט געווען פאַר אים צו טאָן אַ שידוך, האָט אים קיינער נישט געוואָלט נעמען. נישט אַזוי צוליב זיין נאַרישקייט האָט אים קיינער נישט געוואָלט, נאָר ווייל עס איז מיט אים געווען נאָך אַן ערגערע צרה: ער האָט זיך געהאַלטן פאַר אַ גרויסן חכם און די גאַנצע וועלט – פאַר משוגעים.

דער פּאָטער האָט גענומען זוכן אַן עצה ווי אַזוי אַרויסצוטרייבן פון דעם נאַרישן זוהן זיין משוגעת. האָט ער געהייסן דעם קלוגן זוהן, ער זאָל זיין נאַרישן ברודער נעמען אויף אַ רייזע איבער דער וועלט. אַז ער וועט זען די גרויסע וועלט און זיך צוקוקן צום לעבן פון פאַרשידענע מענטשן, וועט ער אפשר ווערן קלוגער. אַמווייניקסטן וועט ער זיך דערוויסן, אַז ער איז נישט אַזאַ חכם, און אַנדערע לייט זיינען נישט אַזוי נאַריש ווי עס דוכט זיך אים.

איינמאָל זיינען ביידע ברידער אָנגעקומען אין אַן אָרט און זיי האָבן געזען אַ גרויסע געביידע, אַ פאַבריק, וואו עס האָט זיך געפונען די טייערסטע האָלץ, טענענהאָלץ, און אַ מענטש שטייט און צעהאַקט דאָס האָלץ אויף שטיקלעך. רופט זיך אָפּ דער נאַר:

– נו, ברודער, וואָס זאָגסטו צו דעם? בין איך דען נישט גערעכט, ווען איך זאָג אַז די וועלט איז משוגע?

דער קלוגער ברודער שוויגט, און זאָגט קיין וואָרט נישט.

זיי גייען ווייטער. זיי גייען פאַרביי אַ הויז און זעען דורך דעם אָפענעם פענצטער ווי אויף אַ טיש ליגן אָנגעוואָרפן זיידנס און סאַמעט, און אַ מאַן שטייט און צעשניידט עס אויף שטיקער. האָט דער נאַר אויסגערופן: „זע, קוק־אָן דעם משוגענעם! ער נעמט אַזעלכע גוטע סחורה און פירט עס איבער!". זאָגט צו אים דער קלוגער: „אפשר ביסטו גערעכט, נאָר לאָמיר אַריינגיין אינווייניק, און בעסער באַטראַכטן די זאַך".

ווען זיי זיינען אַריין אינווייניק, האָבן זיי געזען ווי שניידער נעמען צוזאַמען די צעשניטענע שטיקער זייד און סאַמעט, און מאַכן פון זיי חתונה־קליידער און יום־טוב׳דיקע מלבושים. דער נאַר האָט זיך פאַרקלערט.

„און איצט לאָמיר גיין צוריק אין יענעם הויז", האָט דער קלוגער געזאָגט, און האָט אים אַוועקגעפירט צו דער פאַבריק. ווען זיי זיינען אַריין אינווייניק, האָבן זיי געזען ווי סטאָלערס קלייבן צונויף די צעשניטענע שטיקער האָלץ און מאַכן פון די שטיקלעך די פיינסטע מעבל. דאָ האָט דער נאַר שוין אַראָפּגעלאָזן זיין קאָפּ. ער האָט פאַרשטאַנען, אַז מען קען נישט מאַכן מעבל פון האָלץ און קליידער פון זייד און סאַמעט, איידער מען צעשניידט דעם מאַטעריאַל אין שטיקער. זינט דאַן האָט ער אויפגעהערט צו שרייען אַז די וועלט איז משוגע.

מיר, נאַרישע מענטשן, זיינען בלינד צו זען און פאַרשטיין די וועגן פון דער השגחה. אונדז דוכט זיך אויף פיל זאַכן, אַז זיי זיינען אַ רעה, שלעכט פאַר אונדז, אָבער פון שלעכטס וואַקסט אַרויס אַ טובה.

אַ גרויסער צדיק האָט געזאָגט: „די וואָס ווילן טאָן גוטס – זיינען פאַראַן אַ סך. די וואָס טוען גוטס – זיינען פאַראַן ווינציק".

מיר, אידן, דערוואַרטן נישט פון דער גויאישער וועלט אַז זיי זאָלן אונדז טאָן גוטס, זאָלן זיי אונדז קיין שלעכטס נישט טאָן.

דו, רבונו־של־עולם, דו ביסט אונדזער פאָטער. פון דיר דערוואַרטן מיר, אַז דו זאָלסט טאָן גוטס מיט דיינע קינדער. מיט דיין פאָלק ישראל, און מיטן לאַנד ישראל.